**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/15/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט איבער 46 מיליאן דאלער צו באזארגן זומער דזשאָבס פאר יוגנט אין אומגינציגע אומשטענדן

***זומער יוגנט באשעפטיגונג פראגראם באזארגט דזשאָבס און ווערדפולע טרענירונג פאר יונגווארג***

***און אפגעשאצטע 19,000 יוגנטליכע פון נידעריגע-איינקונפט פאמיליעס זיך צו באטייליגן דעם יאר***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אז איבער 46 מיליאן דאלער וועט צוגעשטעלט ווערן אויף צו שטיצן ניו יארק סטעיט׳ס זומער יוגנט ארבעט פראגראם היי-יאר. דער פראגראם, אנגעפירט דורכ׳ן סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף, ברענגט יונגווארג פון נידעריגע-איינקונפט פאמיליעס אריין אין דעם ארבעטסקראפט כדי אז זיי קענען זיך אנטוויקלען ניצבארע געניטשאפט וועלכע וועט זיי העלפן פארבעסערן סקול שטודירן און ווערן פאראנטווארטליכע ערוואקסענע.

״דער זומער יוגנט באשעפטיגונג פראגראם פארטרעט א קלוגע, געצילטע אינוועסטירונג אין דעם קומענדיגן דור פון אונזער ארבעטסקראפט וועלכס וועט צאלן רווחים פאר ניו יארק סטעיט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיר זענען אנטשלאסן אראפצורייסן באצוימונגען צו אייַנטריט אין דער ארבעטסקראפט מארקעט פאר יונגווארג פון אומגינציגע אומשטענדן, און די יונגווארג וועלכע באטייליגן זיך אין דעם פראגראם וועלן זיך לערנען ווערדפולע פעאיגקייטן, די וויכטיגקייט פון בילדונג דערגרייכונג, און הויפטזעכליך, וועט זיי שטעלן אויף א וועג צו הצלחה.״

״דער זומער יוגנט באשעפטיגונג פראגראם אנגעפירט דורך OTDA וועט האלטן קינדער באשעפטיגט, אוועק פון די גאסן און אוועק פון זייערע כלים דורך זיי צושטעלן ווירקליכע ארבעט ערפארונג,״ **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא.** ״דער פראגראם גיבט קינדער וועלכע וואלטן אנדערש נישט געהאט קיין געלעגנהייט זיך צו אנטוויקלען לעבנס-וויכטיגע פעאיגקייטן וועלכע וועלן בלייבן מיט זיי פאר׳ן לעבן. עס ליגט אויף אונז א פליכט אלס א סטעיט צו פארזיכערן אז אלע אונזערע קינדער, אפגעזען וואו זיי וואוינען, זייער הויט קאליר אדער וויאזוי זיי זענען אויפגעוואקסן, צו האבן די געלעגנהייט אויף צו פארבעסערן זייערע לעבנס.״

דער זומער יוגנט באשעפטיגונג פראגראם שטיצט קאמיוניטיס איבער׳ן סטעיט אין שאפן זומער דזשאָבס פאר יוגנטליכע פון נידעריגע-איינקונפט פאמיליעס, אריינגערעכנט קאמיוניטיס וואו די יונגווארג זענען עמפינדליך אדער אויסגעשטעלט צו רעוואלווער געוואלד-פארברעכנס. אנטיילנעמענדע וועלן ארבעטן אין אייַנטריט-שטאפל דזשאָבס אין פלעצער ווי פארקס, נוּרסינג האָומס, זומער קעמפס, טשיילד-קעיר ארגאניזאציעס, סיניאר סיטיזען צענטערס און קאמיוניטי פארוויילונג צענטערס, צווישן אנדערע.

דער פּראָגראַם דערגאַנצט דעם גאווערנער׳ס גרונטליכע פּלאַן צו אַדרעסירן רעוואָלווער געוואַלד-פּאַרברעכנס, אַריינגערעכנט די פאַרברייטערונג פון SNUG גאַסן אָטריטש פּראָגראַמען וועלכע העלפן אויסגלייכן געפעכטן און מענטאָרן יונגוואַרג.

צו זיין באַרעכטיגט פאַר דעם 2022 פּראָגראַם, מוזן יונגע מענטשן זיין אין עלטער פון 14 ביז 20 און האָבן אַ הויזגעזינד איינקונפט אונטער 200 פּראָצענט פון דעם פעדעראַלן אָרעמקייט שטאַפּל אָדער 46,060 דאָלער פאַר אַ פאַמיליע פון דריי מיטגלידער. אַרבעטסגעבער קענען ניצן די געלטער צו סובסידירן געהאַלטן, שטיצן בילדונג און טרענירונג אַקטיוויטעטן, ווי אויך אַנבאָטן קעיס פאַרוואַלטונג און באַשעפטיגונג-פאַרבינדענע סערוויסער, ווי צ.ב.ש טראַנספּאָרטאַציע צו און פון אַרבעט. יוגנטליכע פּאַראינטערעסירט אין אָנטיילנעמען קענען זיך פאַרבינדן מיט זייער [אָרטיגע דעפּאַרטמענט פון סאָושעל סערוויסעס](#).

דער פּראָגראַם האָט סערווירט איבער 18,500 יונגוואַרג פאַראיאָר, און זיי באַזאָרגט מיט ווערדפולע אַרבעטסקראַפט ערפאַרונג, און אָפטמאָל רעזולטירט אין פאַרבעסערטע אַקאַדעמישע הצלחה שפּעטער.

**אַפּיס פון ציַיטוויייליגע און דיסאַביליטי הילף דעניעל דאָבליו. טיען האָט געזאָגט,** ״די השפּעה וואָס אַ פּאָזיטיווע אַרבעטסקראַפט ערפאַרונג קען האָבן אויף יונגוואַרג קען מען נישט איבערטרייבן, איבערהויפּט פאַר אַזעלכע יונגע מענטשן וועלכע קומען פון נידעריגע-איינקונפט הויזגעזינדער. עס ערשיינט מער און מער פאָרשונג באַריכטן וועלכע אונטערזוכן די פּילצאָליגע און ברייט-אַרומנעמענדע בענעפיטן פון דעם פּראָגראַם, וויבאַלד נידעריגע-איינקונפט יונגוואַרג טוען אָפטמאָל אויסשטיין אַ שווערער טראַנזיציע צו לעבנס-פּאַסיגע געהאַלטן און העכערע בילדונג. אין צוגאַב צו די איינקונפט וואָס עס באַזאָרגט, קען דער זומער יוגנט באַשעפטיגונג פּראָגראַם העלפן די יונגוואַרג אַנערקענען די וויכטיגקייט פון בילדונג הצלחה און ענדגילטיג פאַרברייטערן זייערע קאַריערע שטרעבונגען.״

**סטעיט סענאַטאָרקע ראַקסענע דזשעי. פּערסאָוד האָט געזאָגט,** ״דער זומער יוגנט באַשעפטיגונג פּראָגראַם איז אַן אונטערצינד-כוח פאַר ענדערונג צווישן ניו יאָרקער וועלכע וואָלטן אַנדערש נישט געהאַט אַן ענליכע געלעגנהייט צו לערנען, שטייגן און בויען זייערע רעזומעיס דורך געצאָלטע זומער באַשעפטיגונג. SYEP טוט צוזאַמפּאָרן צענדליגע טויזנטער יונגוואַרג איבער גאַנץ ניו יאָרק סטעיט מיט באַדייטנדע באַשעפטיגונג אין די פּובליק, פּריוואַטע און נאָנפּראָפיט סעקטאָרן. די 46 מיליאָן דאָלערדיגע אינוועסטירונג פון ניו יאָרק סטעיט העלפט פאַרזיכערן אַז יונגוואַרג פון די מערסט עקאָנאָמיש אַנגעשטרענגטע הויזגעזינדער האָבן דער וואונדערבאַרער געלעגנהייט.״

**אַסעמבלי-מיטגליד לינדע בי. ראָזענטאַל האָט געזאָגט,** ״די אינוועסטירונג אין דעם זומער יוגנט באַשעפטיגונג פּראָגראַם וועט ווייטער צאָלן רווחים פאַר פילע יאָרן אינ׳ם צוקונפט. יונגע מענטשן וועלכע באַטייליגן זיך אין זומער יוגנט באַשעפטיגונג פּראָגראַמען זענען אָפטמאָל גרעסערע אַקאַדעמישע ערפאָלג און גלייכצייטיג האָבן אַ געלעגנהייט צו עקספּלאָרירן אַ ברייטע ריי קאַריערע וועגן. די היי-יעריגע אינוועסטירונג פון איבער 46 מיליאָן דאָלער אין דעם פּראָגראַם וועט ערמעגליכן פאַר קאָונטיס איבער׳ן סטעיט צו שטיצן יונגוואַרג אין אומגינציגע אומשטענדן און אין דער זעלבער צייט אויך העלפן איינריכטונגען ווי פּאַרקס, זומער קעמפּס, טשיילד-קעיר אָרגאַניזאַציעס, סיניאָר סיטיזען צענטערס און פּאַרוויילונג צענטערס באַקומען ווערדפולע הילף. אַזוי ווי מיר שטעלן צו טויזנטער יוגנט מיט אַ געלעגנהייט זיך צו שאַפן פּראַקטישע אַרבעט ערפאַרונג דעם זומער, וועלן מיר אויך העלפן זיי אויסריכטן מיט די געניטשאַפט און בילדונג נייטיג אויף צו דערגרייכן זייערע צילן שפּעטער אין לעבן.״

| קאָונטי | פינאַנצירונג |
|---|---|
| **Albany** | **$649,223** |

| | |
|---|---|
| $188,995 | Allegany |
| $524,430 | Broome |
| $268,058 | Cattaraugus |
| $190,526 | Cayuga |
| $409,747 | Chautauqua |
| $212,999 | Chemung |
| $143,435 | Chenango |
| $210,251 | Clinton |
| $110,582 | Columbia |
| $149,431 | Cortland |
| $122,498 | Delaware |
| $526,168 | Dutchess |
| $2,093,125 | Erie |
| $78,159 | Essex |
| $156,585 | Franklin |
| $140,200 | Fulton |
| $116,649 | Genesee |
| $115,533 | Greene |
| $11,874 | Hamilton |
| $163,548 | Herkimer |
| $306,198 | Jefferson |
| $80,035 | Lewis |
| $169,986 | Livingston |
| $181,794 | Madison |
| $1,767,739 | Monroe |
| $138,448 | Montgomery |
| $1,463,132 | Nassau |
| $464,512 | Niagara |
| $23,937,992 | NYC |
| $588,583 | Oneida |
| $1,127,664 | Onondaga |
| $209,353 | Ontario |
| $818,017 | Orange |
| $111,110 | Orleans |
| $390,935 | Oswego |
| $193,412 | Otsego |
| $89,984 | Putnam |
| $328,624 | Rensselaer |
| $721,128 | Rockland |
| $272,155 | Saratoga |

| | |
|---|---|
| Schenectady | $298,363 |
| Schoharie | $85,770 |
| Schuyler | $47,925 |
| Seneca | $103,465 |
| St Lawrence | $418,464 |
| Steuben | $259,040 |
| Suffolk | $1,863,267 |
| Sullivan | $192,420 |
| Tioga | $118,459 |
| Tompkins | $398,823 |
| Ulster | $346,260 |
| Warren | $112,062 |
| Washington | $142,015 |
| Wayne | $200,848 |
| Westchester | $1,392,656 |
| Wyoming | $105,869 |
| Yates | $71,477 |
| **סך הכל** | **$46,100,000** |

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן